Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פרץ

Mosḳṿe, 1937

40

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 40

איז וויסן דאָס געביין פון זיידעס לאָז זשע,
און לאָז זיי זיס די רו זײַן און געטרײַ, —
עס הייבט זיך איצטער אָן דאָס גרויסע זאפּאָראָזשיע,
עס הייבט זיך זאפּאָראָזשיע אָן איצט פונדאָסנײַ.
צום ברעג אפן פאראד פון אינדערפרי איז מען געגאנגען,
ווי פרילינג־צוויט געטאָן זיך א צעשאָט.
געגרייט מ׳האָט צו דער עפענונג זיך לאנגזאם,
און אָנגעקומען איז דער טאָג, די שאָ.
געשווינד צונויפגעזאמלט פאראמאָל דאָרט
זיך האָבן העכער דרײַסיק טויזנט מאן;
און לענינס טרוים האָט מען געמאָלדן
פאר א פארווירקלעכטן אין לאנד.

א נאכט א גאנצע האָט טרובא
קיין ווײַל ניט צוגעמאכט די אויגן;
אים האָט געדוכט, אז אופגיין ט׳באלד

איבערנ דניעפּ א רעגנבויגנ,
אז אופגיינ וועט דער שליוז אינ ליכט,
אינ ש<ײַנ ט'זיכ אופהייבנ די הרעבליע.
איז ער ארויס פונ שטוב פארפרי
אונ דורכ א בלויער זיפּ פונ נעפּלענ
האָט ער דערזענ: פונ ברעג צו ברעג
א שורע זײַלנ אויסגעשטאטע,
וואָס רײַסט זיכ אינ דער הייכ אָנ שרעק.
האָט ער דעמ טראָט פארשנעלערט גיכ,
אונ פרייד ז'געגאנ פונ זײַנ געזיכט:
ס'איז ניט קיינ שליוז! ס'א באריקאדע!
איז ער געשטיגנ פעסט אזוי אונ גראד דאָרט
אונ ט'זיכ געפרישט מיט א געדאנק:
פונ אָט־אָ דער־אָ באריקאדע
פארפּאָלגנ מיר דעמ לעצטנ פײַנט!
דער לעצטער קריג וועט זײַנ פונדאנענ,
די לעצטע שלאכט פאר פרייד אונ גליק
מיט די געשטאָרבענע זיידאנעס,
וואָס שלעפנ נאָכ, ווי שטיינער, אפ צוריק.

עס האָט דער צוג געשטראָמט פונ פינפ זײַטנ
גערדיכטע מאכנעס שטרענג ווי פונ א שלאכט;
אינ לופט געפלאטערט האָט דאָס רויטע זײַדנס
פונ העלע פאָנענ, פרילינג אונ פונ פראכט.
אָרקעסטערס, צי פונ אונטנ צי פונ אויבנ,
האָבנ ווי שליוזנ זיכ א לאָז געגעבנ גראד,
געריטנ אפ די העלדזער זײַנענ טרויבנ
אונ פײַערלעכ געמאָלדנ דעמ פאראד.

אָט זעט מען שוין — פונוואַנען און וווהין,
אָט הערט מען שוין דאָס דונערן פון שפּאַנען.
דער דניעפּער איז געלעגן אויסגעשלײַפט און גרין,
און אף דער הרעבליע — א טריבונע ווי א פּאַלוב.

דעם גאַנצן רוים פאַרכאַפּט האָבן אָרקעסטערס,
געשלײַדערט אין דער ווײַט דאָס בליאַסקענדיקע מעש.
די טריט פאַרהערן זיך, ווער הילכיקער און פעסטער,
און ס׳גייען פאָנען מיטן ווינט אין א געדרעש.
צעלאָפן זײַנען קלאַנגען זיך אף ווײַטע סטעפּעס,
קורגאַנעס שלאַכטיקע מיט מעלדונגען געוועקט
און זיי דערציילט, אז פונעם אַלטן דניעפּ איז
שוין צו די יאַמען אויסגעשפּרייט א וועג.
איז וויסן דאָס געביין פון זיידעס לאָז זשע,
און לאָז דאָרט זיס די רו זײַן און געטרײַ,
ווײַל ס׳הייבט זיך איצטער אָן דאָס גרויסע זאַפּאָראָזשיע,
ווײַל ס׳הייבט זיך זאַפּאָראָזשיע אָן איצט פונדאָסנײַ.

געקוקט האָט אווראָם-הערש אף זײַן שערענגע,
צי קלעפּן זיך די טריט דאָרט ניט צונויף;
און ווו מע דאַרף — א פּרעס געגעבן ענגער,
און ווו מע דאַרף — געגעבן א פאַרלויף.
געטראָגן האָט לוקאַ א פאָן דערנעבן,
ס׳האָט פײַערלעכע פאָרכטיקײַט אף אים געברענט;
און אווראָם־הערש ט׳אים אַלע ווײַל א פרעג געגעבן,
צי דאַרף מען אים ניט בײַטן שוין די הענט?
און אז לוקאַ האָט זיך קיין דריי טאָג ניט געוואָלט,
ער זאָל דעם גרויסן קאָוועד ניט פאַרשטערן,

אונ ס'האָט זײַנ באָרד ווי א געדיכטע וואָל
די אויערנ פארלייגט, ער זאָל ניט הערנ,
האָט אווראָמ־הערש אליינ פארשנעלט דעמ גאנג,
מיט קאס א ריס געטאָנ דאָס מויל אימ:
— מע טראָגט א פאָנ, לוקא, אינ פלאנג,
איז דארפ מענ זי ניט טראָגנ ווי א גרילעמ! —

ס'האָט אונטער טריט געקלונגענ שטאָל,
ס'האָט אונטער טריט געשריגנ הרודע;
מיט זיי דאָס לאנד איז אָנגעשטאָפט,
פארקישעפט ס'איז פונ זייער הודענ.
אָט גייט עס אופ, דאָס גרויסע לאנד,
אָט גיבנ א צעשפרייט זיכ גיטער;
אונ איצט באדארפ נאָר דער געדאנק
די צײַט א טרײַב טאָנ אונ א צי טאָנ
אונ אפ איר אָנטאָנ קלוגנ צוימ,
באלעבנ זי מיט שטײַג אונ קלעטער,
אז בלײַבנדיק געפאסט אינ רוימ,
זאָל זי אליינ זיכ איבערטרעטנ.

געקוקט טרובא האָט אפנ צוג,
אפ דעמ באפליגלטנ מיט פאָנענ;
זיי זײַנענ בלוטיק אימ באקאנט,
זיי קערנ אזוי נאָנט זיכ אָנ אימ;
אָט שפאנט דער מעכטיקער לוקא
אונ טויזנטער ווי ער — דאָס פאָלק,
אונ אווראָמ-הערש, אונ גלאשא, אונ עלקאָנע —

צו יעדן איינציקן ער וואָלט
א הילכיקער אצינדער צו
און זיך געפרייט זיי פראָסט אין פּאָנעם,
ווייַל ס׳גיט נאָך אָפּט ביז איצט א צוק
פונעם פאַרגאַנגענעם — אזא דערמאָנונג:
...ווי שטומע קעמלען ווי פאַרצערטע,
מיט נויט געלאָדענע — פאַרוורטיילט,
זייַנען זיי דולדיק ווי דורך שעכטהויז
איבער יאָרהונדערטן אדורכגאַנ
צו לעצטע קוואָרימדיקע נאָרעס
און שטיל געטרייסט זיך מיט אן „אוכניעמ",
און זיך דערנערט מיט א „יעשטשאָ ראַז",
און פאָרנט איז געגאַנגען קריסטוס,
נ׳אַז מ׳האָט זיי איינ אויג אויסגעריסן,
ז׳דערלאַנגען ס׳אַנדערע באַפעלט ער האָט,
קעדיי אָנשטאָט דעם ברויט דעם ביסן
אַרייַנשטופּן מ׳זאָל זיי א גאָט!

ער וואָלט צו יעדן איצט געגאַנ
און פראָסט געפרייט זיך גלייַך אין פּאָנעם;
זיי זייַנען בלוטיק אים באַקאַנט,
זיי קערן אזוי נאָנט זיך אָן אים...
און דאָך האָט ער א רוף געטאָן נעכאַמענ
מיט א פאַרווינטיקטער און פעסטער שטימ;
מ׳איז בא דער הרעבליע שוין פאַרזאַמלט,
שוין אלע דאָ. א רגע שטיל.
עס ווערט די עפּענונג דערקלערט.
דאָס פאָלק פאַרנעמט דאָרט די טריבונע,

און ס'האָט די גאַנצע וועלט געהערט
די שטילע ווערטער גלײַך ווי דונערס:
ס'גייט אויף דאָס פאָלק אַף דער טריבונע,
עס האָט אַ מעלדונג, עס האָט אַ ווענדונג:
דײַן וואָרט איז, פאָלק! דיך הערט דער שטורעם!
דו רעדסט אַזוי, אַז ס'איז פאַרשטענדלעך
דײַן יעדער קלאַנג, דײַן יעדער מורמל!

דעם קאָפּ ט'געריסן אוראַם־הערש,
עס האָט לוקאַ שוין אויך קיין רו ניט;
און ס'האָט די גאַנצע וועלט געהערט
די שטילע ווערטער גלײַך ווי דונערס,
געשטראָמט פון מענגעס און פון צוגן
און אויפגעגאַנגענע פון שליוז:
— מיר גיבן אָפּ אַ גרוס דער צוקונפט!
— מיר גיבן אָפּ דער ווײַט אַ גרוס!

עס איז דער גאַנצער רוים געווען געפּאַקט,
אַז ווייניק שוין געווען דער סטעפּ איז;
דערזען האָט אַפּדאָסנײַ טרובאַ
די הערבליע רײַטן אַפן דניעפּער,
ווי אַזאַ וווּנדערלעכע שיף,
ווי אַן אַרויסרוף אַזאַ דרייסטער, —
און צו דער הייך און פון דער טיף
אַזויפיל קראַפט און ליכט זי רײַסט דאָרט.
און ס'האָט זיך אים דערמאָנט די פּראַכט
פון מיטלאַלטערלעכע דענקמאָלס,
וואָס זײַנען פינצטער, ווי די נאַכט,

וואָס האָבן זיך אין בלוט געשווענקען;
האָט ער מיט קאָס געטאָן א טראַכט:
מ׳האָט קירכעס אָנגעבויט און קלויסטערס,
געפרעסן בראָנזע און גראַניט —
עס גיט דאָס בלוט אין אים א ברויז דאָרט:
זיי אָפּגעדעקט מיט בלויען הני,
מיט פּאַכעד טעמפּ זיי אָנגעשטאָפּט;
בא יעדן ראָג — בייג אויס די קני,
בא יעדן ראָג — אנטבלויז דעם קאָפּ,
בא יעדן ראָג — זיך לייג און פאַל!
זיי שטייען — טויבע טעמפּע היטערס,
אָט די איסאַקיס און ספּאַסיטעלס,
און עפּעס טײַנען זיי מיט כמאַרעס,
און עפּעס מורמלען זיי דעם הימל,
אז איבער ווײַסל געגאַנגען איז מאַריא,
אז אפן דניעפּ ז׳געגאַנגען וולאַדימיר,
נ׳אפּ דער אלמאָנע דער ניעווא
גייט דער אנטיכריסט אופּ מיט גוואַלט;
און ס׳גיט א הייב דעם קאָפּ טרובא,
און ס׳ווילט זיך טאָן א זאָג צום דניעפּער:
א נײַע וועלט איצטער פאַרקנעט דיך,
עס הייבט זיך אָן די וועלט פונסנײַ איצט,
פון דער ניעווא צו דיר א גרוס!
א גרוס צו דיר פון וואָלכאָוו־טײַך!
די קוואַלן עפן אופּ, צעשלים!
און פיל זי אויס אונדז, די אנקעטע —
אפּ וויפל קראַפט ס׳באַטרעפט דײַן פליס,

מיט וויפל וועסטו זײַנ צושטײַער
אפ אומוואַרפנ די אלטע רוס,
אפ אויסברענענ איר שווארצנ טראכט,
אפ אויסגליִענ איר שווארצע שאנד דאָרט,
אפ אויסשפײַענ איר לעצטנ׳ שפור
אונ זיך א ליכטיקער פארוואנדלענ
נ׳א וויקלשנור פאר איר געבורט!